**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול מוטיגט צו זיין וואכזאם ווען שווערע דונער-שטורעמס טוען ווייטער באדראען אפסטעיט ניו יארק

***טיילן פון מערב ניו יארק, פינגער לעיקס און דרום טייל ראיאנען זענען די גרעסטע ריזיקע פון באטראפן ווערן דאנערשטאג אווענט אריין צו פרייטאג***

***שווערע רעגן און שטארקע ווינטן קענען פאראורזאכן פלוצומדיגע פארפלייצונגען, אראפגעפאלענע ביימער און קורצשלוסן***

***מערסטנס שווערע וועטער נישט ערווארטעט צו באטרעפן מזרח טייל פונעם סטעיט, אבער לאקאליזירטע שווערע גאס רעגנס זענען מעגליך***

***פארפלייצונג ווארענונג אריינצוגיין אין קראפט פרייטאג נאכמיטאג און אווענט פאר טיילן פון די צפון קאנטרי און קאפיטאל ראיאן***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער, ספעציעל די וואס זענען אינעם מערב טייל פונעם סטעיט, זיך אנצוגרייטן פאר די מעגליכקייט פון ערנסטע דונער-שטורעמס אנגעפאנגען דאנערשטאג אווענט אריין צו פרייטאג. כאשט די מערהייט פונעם סטעיט קענען זען פארשידענע שטאפלען פון רעגן, איז די מערסטע שווערע וועטער ערווארטעט צו באטרעפן טיילן פונעם מערב ניו יארק, פינגער לעיקס און דרום טייל ראיאנען. געגנטער אין די מיד-האדסאן, קאפיטאל און צפון קאנטרי ראיאנען וואס זענען שוין פארפלייצט געווארן מיט ערנסטע דונער-שטורעמס און פלוצימדיגע פארפלייצונגען אין לעצטיגע וואכן זענען פארגעשאצט צו האבן די קלענסטע ריזיקע פון שווערע וועטער, אבער לאקאליזירטע שווערע רעגן איז מעגליך אין געגנטער וואס האבן שוין געהאט לעצטיגע פארפלייצונגען. בשעת גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער סיסטעם און שטייען גרייט צו שטיצן לאקאלע שותפים'ס אפרוף צו סיי וועלכע אימפאקטן, ווערן ניו יארקער דערמאנט נאכצוקוקן זייער לאקאלע פארשאצונגען, פארזיכערן אז זייער הויזגעזונט זענען צוגעגרייט פאר ערנסטע וועטער, און קיינמאל צו דרייוון דורך פארפלייצטע שאסייען.

"מיין טיעם טוט שטארק נאכקוקן די פארשאצונג פאר די רעשט פון די וואך ווען מאמע נאטור טוט ווייטער ברענגען ערנסטע וועטער אונזער וועג די זומער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען צוגעגרייט זיך אפצורופן צו די שטורעם און וועלן העלפן לאקאלע רעגירונגען אויפן פארלאנג מיט שטאב און געצייג אין פאל פארפלייצונגען אדער קורצשלוסן פאראורזאכן צושטערונג."

פון דאנערשטאג אווענט, וועלן רעגן און שונער-שטורעמס אנפאנגען זיך אריינרוקן אינעם סטעיט. טיילן פון טשאטאקווא און קאטאראגאס קאונטיס זענען פארגעשאצט צו האבן העכערע ריזיקע פון שווערע דונער-שטורעמס ווי אנדערע געגנטער פון די סטעיט מערב פון סירעקיוז. די סיסטעם האט די מעגליכקייט

צו שאפן שווערע וועטער, אריינגערעכנט שעדליכע ווינטן העכער ווי 58 מייל פער שטונדע, האגל פון ביז צו אן אינטש אין דיאמעטער, לאקאלאזירטע פלוצימדיגע פארפלייצונגען און אפגעזונדערטע טארנעידאס.

א פארפלייצונג ווארענונג איז ארויסגעגעבן געווארן פאר חלקים פון די צפון קאנטרי און קאפיטאל ראיאן אנגעפאנגען פרייטאג נאכמיטאג און אריין צו שפעט פרייטאג נאכט, ווען שאוערס און דונער-שטורעמס זענען ערווארטעט צו שאפן ביז צו דריי אינטשעס פון רעגן אדער לאקאליזירטע העכערע צאלן אין געוויסע פלעצער.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען און פארשאצונגען, באזוכט דעם נאציאנאלן וועטער סערוויס וועבזייטל אויף https://alerts.weather.gov.

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער דזשאקי ברעי האט געזאגט,** "נאך א רונדע פון שווערע וועטער איז מעגליך צו באטרעפן ניו יארק און אונזערע טיעמס זענען גרייט צו שטיצן אונזער לאקאלע שותפים סיי ווי מיר קענען. כאטש די שווערסטע וועטער איז פארגעשאצט פאר די מערב טייל פונעם סטעיט, זאלן אלע ניו יארק בלייבן וואכזאם ווען אונזער ערד בלייבט זייער איינגעזאפט און די ריזיקע פון פלוצימדיגע פארפלייצונג בלייבט."

<u>**סטעיט אגענטור פארברייטערונגען**</u>

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער פון די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס פאלגט נאך וועטער און רייזע אומשטענדן, און זיי קאארדינירן סיי וועלכע נויטיגע אפרופונגען מיט לאקאלע רעגירונגען. סטעיט פייער און סטעיט עמערדזשענסי אנפירונג טיעמס זענען צוגעגרייט זיך אפצורופן מיט שטאב און הילפסמיטלען, אין פאל פון פלוצימדיגע פארפלייצונגען.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גרייט זיך אפצורופן צום וועטער געשעעניש מיט כמעט 3,500 אפערעיטארס און סופערווייזערס וועלכע שטייען גרייט איבערן סטעיט.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,383 גרויסע זאמד טראקס
- 318 גרויסע לאודערס
- 82 האלץ טשיפערס
- 81 עקזקעוועיטארס מיט רעדלעך און טרעקס
- 32 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 20 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 15 בוים-קרו באקעט טראקס

**טרו-וועי אויטאריטעט**

איינגעשטעלטע פון די טרו-וועי אויטאריטעט פאלגן יעצט נאך די פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי האבן 653 מאשין דרייווערס און סופערווייזארס וועלכע שטייען גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע ווינט אדער פארפלייצונג אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטער טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע VMS שילדן, באוועגיגע ליכט טורעמעס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פאָמפּס און עקוויפמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר

שאסיי פארשליסונגען. עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאָושעל מידיע ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-ווער.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 340 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 56 לאודערס
- 33 טרעילערס
- 6 וואקיום טראקס
- 13 עקסקעוועיטארס
- 8 האלץ טשיפערס
- 100 טשעינסאוס
- 23 לופט טראָקס
- 23 סקיד דרייערס
- 84 באוועגיגע דזשענערעיטערס
- 69 רוקעדיגע לעקטער יוניטס

די טרו ערמוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר טראנסאלערט אימעילס וועלכע שטעלן צו לעצטיגע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-ווער, פאלגט נאך @ThruwayTraffic אויף טוויטער, און באזוכט thruway.ny.gov צו זען אן אינהאלטסרייכע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן פאר די טרו-ווער און אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג מאנשאפטן און ראיאנישע מאנשאפטן זענען אויפן וואך און פאלגן נאך דעם אנטוויקלענדען מצב און פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי פאטראלירן אקטיווערהייט פלעצער און אינפראסטרוקטור וועלכע האבן העכערע איוזיכטן צו באטרעפן ווערן דורך שווערע וועטער. אלע הילפס-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינרעכענענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פארעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט דורכאויס די שווערע וועטער. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

סטעיט פאליציי זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס, ווי נויטיג, צו אפעקטירטע ערטער. אלע ספעציעליזירטע וויהיקלס פון סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו וויהיקלס און יוטיליטי טעסק וויהיקל, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף. אלע טרופ עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות</u>**

**סופלייס פאר א קאטאסטראפע**

האלט סופלייס פאר א קאטאסטראפעביים האנט, אריינרעכנענדיג:

- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוווישן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**בליצן**

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

**טארנאדא**

- אויב איר געפונט זיך אינדרויסן און א טארנאדא ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן, זוכט זאפארט א שעלטער. אויב עס איז נישטא קיין שעלטער נעבן אייך, לייגט זיך אויס פלאך אין א גרוב אדער אין א נידעריגע פלאץ מיט אייערע הענט באשיצנדיג אייער קאפ.

- אויב איר זענט אינדערהיים אדער אין א קליינע געביידע, גייט אראפ אין די בעיסמענט אדער צו אן אינעווייניסטע צימער אויף די אונטערשטע שטאק פון די געביידע. שטייטס ווייט פון פענצטער. קלאזעטס, באדצימערן און אנדערע אינערליכע צימער באטן אן די בעסטע באשיצונג. לייגט אייך אונטער א שטארקע שטיקל מעבל אדער דעקט אייך איבער מיט א מאטראץ.
- אויב זענט איר אין א סקול, שפיטאל אדער שאַפּינג צענטער, גייט צו א דעזיגנירטע שעלטער. שטייט ווייט פון גרויסע אפענע ערטער און פון פענצטערץ גייט נישט ארויס אינדרויסן צו אייער קאר.
- אויב זענט איר אין א הויך-שטאקיגער געביידע, גייט צו אן אינעווייניגסטע קליינע צימער אדער קארידאר אויף די נידעריגסטע שטאק מעגליך. נוצט נישט עלעוועיטארס — נוצט טרעפ אנשטאט.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטערס, באזוכט: https://www.dhses.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418